Well, all that remains to explain to you, my dear reader, is about the difficult labor that the slave performed and of the rebellions they often foment. The most difficult labor was in the sugar factory. Not more than ten years can the strongest slaves endure the work and after that they become weak and sickly. In most cases, the slave would be out of service even earlier because it was very easy to become a cripple in the sugar mills. A hand or a foot could be ripped off, and sometimes hair gets tangled into the machine and drags the head in as well. The cotton picking and cleaning is also very difficult and very dull. The slaves fall into a grim melancholy. They stop eating, drinking, and working. No entreaties or beatings are of any use. They remain seated in their places until they pass away or hang themselves. Their master is left a pauper.

Also the food of the slaves is very dismal, because the master would give them nothing but a small piece of earth to sow in their off-hours. This meant at night when they returned from work or on Sunday, and by the Jewish planters on the Sabbath as well.[35] They would have very little - barely enough on which to live. The same constraints would go for their clothes—they clothed themselves in coarse linen, which they crafted from thin bast fibers.

With some masters they would be treated in a much better fashion and, as a result, they would be faithful and diligent in their work. Some masters though would treat them so bad that they would commit suicide,[36] escape, or even rise up and rebel.

No disaster in the world compares to the disaster of a slave rebellion. The slaves would guard their secrets expertly and would never reveal another's intentions.

---

[33] Dik coins new Yiddish racial terms: *mestitsn, mulatn,* and *kreolen.* Dik's understanding of racial types would have been unfamiliar to nineteenth century Americans outside of New Orleans and its Caribbean network.

[34] It appears here that Dik acknowledges the mutability of race.

[35] European debates about Jewish emancipation affected the racial status of Jews living in the colonies, especially in areas where communal identification was complicated by the mixed racial descent of Jewish individuals. See Laura A. Leibman, and Sam May, "Making Jews: Race, Gender and Identity in Barbados in the Age of Emancipation," *American Jewish History* 99, no. 1 (2015): 1-26.

[36] IMD: "The Negroes have the ability to choke themselves with their own tongues. They swallow the tongue down with great haste so that it gets stuck in their throats like a bite of food. One who was tortured so gravely to force him to reveal something about the rebellion bit off his own tongue in great anger and then he spit it out in his master's face."

And sometimes they would keep a conspiracy against their master secret for a decade, nothing would be known of it until the last minute. Woe to the master whose slaves rise up against him! They kill the master and his whole family—with the greatest cruelty in the world they burn his storehouses and kill everything that breathes except themselves on the plantation. They don't leave a single brick unturned, a stone whole, or a tree left standing. They destroy and wipe out everything. Then they run away deep into the woods or to the far mountains where they already have bands that are called Bushmen. These bands were armed and attacked the planters with great wrath. They would devastate everything. The worst rebellion was in Santo Domingo, which we have come to call Haiti. We will write about this at length later.

Well, my dear reader, I have sufficiently made known the issues that are necessary for you to understand our tale about the pious and brave slave Uncle Tom, who was neither Jew nor Christian, nor Heathen. Only a believer in the Creator, praised be He, and in the Bible. We can by rights call him a *ger toshav*, a resident alien[37]—before he was an African heathen (without belief in God) but upon coming to America he came to a Jewish Planter, where he had the opportunity to get to know the one God and his holy books. From this story one can learn ethics and the fear of god, and patience in all hardships. And lastly, how much one must thank God and our Emperor, may his majesty reign, that he dissolved the slave trade from our land and with time, from the entire world. Indeed, our emperor is freeing slaves in Asia as well, in those new lands that God has blessed to be ruled under his humane government.

By **A. M. D.**

[37] IMD: "A resident alien means for us Jews when a heathen, someone without religion, begins to believe in the one God, and vows that God gave the Torah to the Jews. Yet he is required to observe the seven commandments that God gave Noah, and nothing more. He may even be circumcised, but he can eat unkosher animals, even pig. Such a man among us Jews, in our land, had the same residency rights and was a citizen, like any good Jew."

# די שקלאַפֿעריַי אָדער די לײַב־אײגנשאַפֿט (פּאָדאַנסטוואָ)

דאָס איז אײנע װאַרע שרעקלעכע און װוּנדערלעכע געשיכטע װאָס האָט פּאַסירט אין אַמעריקע פֿאַר עטלעכע און צװאַנציק יאָר צוריק מיט אײנעם געװיסן נעגער (מורין) 'אָנקלטאָם' װאָס װאַר אַ שקלאַפֿע בײַ אײנעם געװיסן ייִדישן פּלאַנצער גוטס־באַזיצער 'אַבֿרהם שעלבי'. דיזע געשיכטע איז פֿאַרפֿאַסט אין ענגליש און איבערזעצט אין אַלע שפּראַכן. יעצט האָבן מיר איר אין ייִדיש־טײַטש איבערזעצט מיט אַ שײנע הקדמה.

---

װילנא
בדפֿוס ר' יוסף ראובֿן בר' מנחם־מן ראָם
שנת תּרכ"ח לפּ״ק

---

פֿאָרבאַריכט (הקדמה)

שוין פֿון אומדענקלעכע צײַטן איז אײַנגעפֿירט געװאָרן דער שקלאַפֿנשטאַנד (פּאָדאַנסטװאָ) אונטער אַלע פֿעלקער, און אונטער אַלע לענדער. דאָס זעלבסט אין אונדזער תּורה, װאָס איז דער עלטערסטער ספֿר אין דער װעלט, איז שוין צו געפֿינען גענוג שפּורן (סליעדן) פֿון דיזעם שענדלעכן מענטשן־האַנדל למשל װי מכירת־יוסף. מען שרײַבט דאָס דאָס װאַקסט נאָר אַרויס פֿון אײנעם פֿלוך װאָס נח האָט געפֿלוכט דעם חם, װאָס ער האָט אים געשאָלטן מיט דיזע װערטער (עבֿד עבֿדים יהיה לאחיו). נון װײַזט עס אויס נאָך אירע הײליקע ערצײלונג דאָס די שקלאַפֿערײַ האָט זיך אָנגעהױבן נאָר פֿון די נעגער (מורינעס) װאָס קומען אַרויס פֿון חם און װאָס װערן אָנגערופֿן בײַ אונדז כּושים. און דערנאָך ערשט האָט זיך מיט דער צײַט דיזער איבל (בײזעס) אויסגעברײטעט איבער די װײַסע מענטשן אויך װאָס קומען אַרויס פֿון שם און יפֿת.

און דאַהער איז די שקלאַפֿערײַ בכלל, הן פֿון װײַסע מענטשן און הן פֿון שװאַרצע מענטשן, אָנצוזען נאָר פֿאַר אַ היסטאָרישעס רעכט (דאָס הײסט אַזוי אַ רעכט װאָס האָט זײַן יסוד נאָר אין די אַלטע געשיכטן און אין די אַלטע דאַטן. און בפֿרט נאָך װי עס שײַנט פֿון אונדזער תּורה דאָס ער קומט אַרויס נאָר פֿון אַ פֿלוך.) אָבער ניט פֿאַר אַ פֿאַרנונפֿטרעכט. (דאָס הײסט פֿאַר אַזוי אַ רעכט װאָס איז געגרינדעט אין די װאַרע באַװײַזע פֿון דעם מענטשנס פֿאַרשטאַנד װאָס קען זיך קײן מאָל ניט אומענדערן װי דער רעכענונג פֿון צװײ מאָל צװײ איז פֿיר.) דען דער װאַרער שׂכל פֿון מענטשן זאָגט גראַדע דעם היפּך דערפֿון. ער זאָגט דאָס מיר אַלע מענטשן בכלל, פֿון װעלכע נאַציאָן מיר אויך זײַנען און מיט װעלכער פֿאַרבע מיר אויך געבוירן זינט זײַנען מיר נאָר אַלע גלײַכע ברידער װי קינדער פֿון אײנעם פֿאָטער. און אַזוי װילן האָבן אויך אונדזערע ספֿרי־קודש. אַזוי דריקט זיך אויס איובֿ אין זײַנעם ספֿר (אם אמאַס משפּט עבֿדי ואַמתי ברבֿם עמדי: ומה אעשׂה כּי יקום אל וכי יפֿקוד מה אַשיבֿנו; הלא בבֿטן עשׂני עשׂהו ויכוננו ברחם אחד). דאָס הײסט אַזוי: האָב איך דען פֿאַראַכטעט דאָס רעכט פֿון מײַן דינער און פֿון מײַנער דינערין אין זײער ריכטן זיך מיט מיר. דען איך האָב בײַ מיר געדענקט: װאָס װעל איך טאָן װען גאָט װעט זיך פֿאַר זײ אָננעמען, דען דער זעלביקער װאָס האָט מיך געשאַפֿן האָט אים געשאַפֿן? אײן מײַסטער האָט אונדז אויסגעבילדעט אין אײן

מוטערלײַב.[38] נון האָבן מיר קײן רעכט אַזױ אײנער דעם אַנדערן צו פֿאַרקױפֿן און אַזױ זיך זעלבסט, פּונקט װי די בני־יעקבֿ האָבן קײן רעכט געהאַט צו פֿאַרקױפֿן זײער ברודער יוסף. װײַל יעדער מענטש איז אַ חלק אלהי ממעל װי דער פּסוק זאָגט (בצלם אלהים עשׂה את האָדם) גאָט האָט דעם מענטשן מיט זײַן אײגענעם פֿאָרעם געמאַכט. און מער װי אײן פּאָר מענטשן האָט גאָט ניט באַשאַפֿן. און פֿון אים זײַנען אַרױסגעקומען שױן אַלערהאַנט פֿאַרביקע מענטשן: װײַסע, שװאַרצע, ברױנע און רױטע.[39]

און דאַהער געפֿינען מיר דאָס אונדזער תּורה האָט אין אונדזער נאַציאָן פֿאַרבאָטן זײער שטרענג (שטראָגע) דעם שקלאַפֿנשטאַנד. קײן ייִד האָט ניט געטאָרט פֿאַרקױפֿט װערן פֿאַר אַ לײַב־אײגענעם. קוים נאָר אױף זיבן יאָר. און דאָס אױך האָט ער געמוזט באַהאַנדלט װערן הומאַניש (מענטשלעך), מען האָט ניט געטאָרט קײן שװערע אַרבעט מיט אים טאָן. און אױך קײן שענדלעכע אַרבעט (לא תּרדה בו בפּרך) נון װילן האָבן אונדזערע חכמים דאָס אַן עבֿד־עבֿרי האָט ניט געדאַרפֿט נאָכטראָגן זײַנעם הערן אַ שעפֿל אין באָד, אױך בײַ זײַנעם אױסדינען זיך האָט אים געמוזט זײַן הער באַשענקען מיט ברכּת־הבית (הענק תּעניק לו), דאָס הײסט זאָלסט אים באַשײנען און באַקרױנען מיט אַלעם גוטן פֿון װאָס עס געפֿינט זיך בײַ דיר אין שײַער, דאָס אונדזערע חכמים זאָגן שױן אַלײן דערױף (כּל הקונה עבֿד עבֿרי כּאילו קונה אָדון לעצמו). אױך אַן עבֿד־כּנעני װערט אין אונדזער תּורה זײער געשױנט. װען דער הער זײַנער האָט אים אױסגעשלאָגן אַן אױג אָדער אַ צאָן װערט ער באַלד באַפֿרײַט. איז ער געשטאָרבן אונטער די שלעק פֿון זײַנעם הערן דאָ װערט דער הער פֿאַרטײטעט, גלײַך װי ער װאָלט ערשלאָגן אײנעם פֿרײַען ייִדן. די תּורה האָט אונדז ערלױבט מיט אים צו דינען אײביק און יאָר נאָר אױס דעם גרונט (סיבה) דאָס אַנדערע פֿעלקער האָבן זיך עס ערלױבט צו טאָן דאָס זעלביקע אױך מיט אַן עבֿד־עבֿרי. אַזױ װי זי האָט אונדז ערלױבט צו נעמען פּראָצענט בײַ דעם נישט־ייִדן װײַל דער נישט־ייִד ערלױבט זיך צו נעמען פּראָצענט בײַ דעם ייִדן.

---

[38] פֿון דיזע מענטשנפֿרײַנדלעכע רײד זײַנע איז דײַטלעך אַרױסצוזען דאָס דיזער געטלעכער מאַן האָט נאָר קנעכטע אָדער באַדינטע געהאַט אַרום זיך װאָס האָבן אים נאָר פֿאַר לױנגעלט געדינט אָבער קײנע שקלאַפֿן. און דאָס װאָרט עבֿדי הײסט נאָר בײַ אים אַ לױנקנעכט און װײַטער ניט. אײן קרעפֿטיקער באַװײַז דערצו איז דאָס דער פּסוק דערצײלט ניט דעם צאָל פֿון זײַנע קנעכט װי ער דערצײלט דעם צאָל פֿון זײַנע אָקסן, קעמלען, שעפּסן. און אַזױ רופֿט ער זײַנע באַדינטע אױך נאָר מיט דעם לשון נערים (קנאַבן) אַזױ װי ער רופֿט זײַנע אײגענע קינדער אױך נאָר נערים. (ויפּול על הנערים וימותו).

[39] עס איז אַ גרױסער שטרײַט צװישן די פֿיזיקער (חוקרי־הטבֿע) איבער די סיבה פֿון דעם מורינס שװאַרצקײט. אַ טײל זאָגן דאָס זײ זײַנען געבױרן געװאָרן פֿון אײנעם אַן אַנדערן מין מענטשן. אַ טײל זאָגן דאָס זײ זײַנען געװאָרן שװאַרץ נאָר דורך די זון װאָס ברענט דאָרט זײער שטאַרק אין אַפֿריקע װוּ זײ װױנען דאָרט. און בײדע דעות זײַנען ניט ריכטיק. די ערשטע דעה איז פֿאַלש װײַל די תּורה דערצײלט נאָר פֿון אַ פּאָר מענטשן. די אַנדערע דעה איז אױך ניט ריכטיק. מיר זעען דאָך דאָס אונדזערע ייִדן װױנען דאָרט אין אַפֿריקע אַזױ אַ צײַט און זײַנען דאָך װײַס. דאַהער איז אַמגלײַכסטן צו האַלטן מיט דער דעה פֿון אונדזערע חכמים װאָס זאָגן דאָס װײַל דער כּנען איז געבױרן געװאָרן אין דער תּבֿה, איז ער אַרױסגעקומען פֿון דער מוטערלײַב שװאַרץ. און דאָס איז װײַל אין דער צײַט פֿון דעם מבול װאַר אַ גרױסע צעשטערונג אין דער נאַטור. עס װאַר דאַן אַ דיקער טומאַן, קײן זונענשײַן. און װי אונדזערע חכמים זאָגן װאַרן דאַן געהעמט (אָפּגעהאַלטן) אַלע פּלאַנעטן (מזלות) אין זײער מהלך. נון האָט עס געװירקט זײער פֿיל אױף דעם כּנען דאָס ער איז ניט אַרױסגעקומען װײַס. דען זעט מען בחוש דאָס די זונשײַן װירקט זײער פֿיל אױף צמחים און בעלי־חיים, אױך די מורינען װערן געבאָרן װײַס. װערן אָבער אין עטלעכע טעג אַרום שװאַרץ. אַנדערע מורינען האָבן װײַסע הענט, װײַסע פֿלעקן אין געזיכט. דערפֿון איז צו לעזן אין מדרש תּנחומא.

ניט אַזוי אָבער איז אין יענער צײַט צוגעגאַנגען מיט די שקלאַפֿן בײַ אַנדערע פֿעלקער וואָס וואַרן שוין דאַן הויך געבילדעט. זיי האָבן די שקלאַפֿן פֿון זייערע אייגענע ברידער פֿיל שלימער באַהאַנדלט אַלס זייערע הינט. אַזוי פֿלעגן די שפּאַרטאַנער מאַכן אַ יאַכט אויף די העלאָטן, וואָס וואַרןביידע פֿון דער גריכישע נאַציאָן, אַלס זיי האָבן זיי אונטערדריקט און געמאַכט פֿאַר שקלאַפֿן. זייערע קינדער האָבן זיך געלערנט צילן אויף זיי מיט זייערע בויגנס. זעלבסט פּלאַטאָ, דער גרעסטער פֿון די חכמי־יוון האָט געשריבן אין זײַנע געזעצע דאָס קיין שקלאַף האָט דאָס רעכט צו פֿאַרענטפֿערן זיך. בײַ די רוימער וואַר די זיטע צו האַלטן בײַ דער טיר נאַקעטע שקלאַפֿן צוגעשמידטערהייט. אויך וואַר בײַ זיי די געזעצע דאָס מען זאָל אויסטייטן אַלע שקלאַפֿן ביז איינעם וואָס געפֿינען זיך אין אַזוי אַ הויז וואָס עס איז דאָרט ערמאָרדעט געוואָרן דער הער. און דורך דיזעס געזעץ האָט מען אַ מאָל מער אַלס פֿיר הונדערט שקלאַפֿן אומגעבראַכט אויף דעם ריכטפּלאַץ דורך די הענקער (תּלינים) ווײַל מען האָט געפֿונען זייערע הערן דערשלאָגן. אויך וואַר בײַ זיי אַ געזעץ דאָס מען זאָל די אַלטע שקלאַפֿן וואָס קענען שוין מער ניט אַרבעטן אַוועקזעצן אויף איינע וויסטע אינדזל, וואָס וואַר אויף דעם שטראָם טיבער, און מען זאָל זיי לאָזן דאָרט פֿאַרהונגערן. אַזוי האָט זיך באַגאַנגען דער גרויסער רוימישער פֿעלדמאַרשאַל קאַטאָ מיט אַלע זײַנע אַלטן שקלאַפֿן. און האָט דערנאָך מיט זייער פֿלייש זײַנע הינט געפֿיטערט. אויך וואַר דאָרט אַ געזעץ ווען מען האָט איינעם דערכאַפּט דאָס ער האָט דערשאָסן אַ האָז אין אַ פֿרעמדן רעוויר (וואַלד) האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו פֿאַרענטפֿערן זיך, דאָס ער האָט זיך גאָר געצילט אויף אַן אַלטן שקלאַפֿן. נון זע, מײַנע טײַערע לעזערין, ווי הומאַניש (מענטשנפֿרײַנדלעך) איז די געזעצע פֿון אונדזער תּורה אין דיזעם ענין אַנטקעגן דיזע אַלע טיראַנישע געזעצע, און פּשיטא שוין אין אַנדערע ענינים. און אַזוי מיט רעכט האָט משה זיך דאַמיט באַרימט און געזאָגט (ומי גוי גדול אֲשר לו חוקים ומשפּטים צדיקים כּכל התּורה הזאת אֲשר אָנכי נותן לפֿניכם היום) דאָס הייסט און ווּ איז דאָ זעלבסט אַ גרויסע געבילדעטע נאַציאָן אין דער וועלט וואָס זאָל האָבן אַזעלכע גערעכטע געזעצע און גראַדע געריכטע ווי עס געפֿינען זיך אין דיזער תּורה וואָס איך גיב דאָך איצונד. באַמערק עס, און פֿריי דיך דאָס דו געהערסט צו אַזוי אַן איידעלעם געשלעכט וואָס איז פֿאַרטרויט מיט דער הומאַניטעט (מענטשנפֿרײַנדלעכקייט) פֿון אייביק אָן.

עס איז אָבער אַן אומרעכט פֿון מיר, מײַנע טײַערע לעזערין, וואָס איך דערצייל דיר פֿון דעם טיראַנישן שקלאַפֿנשטאַנד וואָס וואַר אין די אַלטע צײַטן, בײַ די אַלטע פֿעלקער וואָס עס איז פֿון זיי קיין זכר דאָ, וואָס דאָס קען אויסווײַזן בײַ דיר ווי אַ פֿאַבל (ווידומקע) נאָר ווערנד (בשעת) איך האָב דיר צו דערציילן גענוג פֿון דעם שקלאַפֿנשטאַנד וואָס וואַר אין ענגלאַנד, אין פֿראַנקרײַך, און זעלבסט אין פּוילן. אונטער אַזעלכע פֿעלקער וואָס לעבן נאָך איצונד אין אונדזער געבילדעטע אייראָפּע, און אַזוי דאָ גאָר ניט לאַנג, וואַר עס גאַנץ געוויינלעך אויסצובײַטן פּויערן אויף פֿערד, אויף הינט, צו שמײַסן אָן אַ רעכענונג און אַרבעטן מיט די פּויערן גאָר אָן אַ שיעור. דאָס מוזסטו שוין, מײַנע טײַערע לעזערין, נאָך זעלבסט געדענקען. נון גאָט זײַ דאַנק האָט עס איצונד שוין אויפֿגעהערט אין אייראָפּע. אין פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד און דײַטשלאַנד האָט עס אויפֿגעהערט באַלד שוין אַ יאָר הונדערט. נאָר אין אונדזערע לענדער איז עס ערשט ניט לאַנג אויסגעקאַסירט געוואָרן. אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט נאָר צײַט געהאַט צו באַפֿרײַען די קורלענדישע פּויערן. דער זעליקער קייסער **ניקאָלײַ דער ערשטער** האָט באַפֿרײַט די פּויערן פֿון די קרוינגיטער, און האָט פֿאַרבאָטן צו פֿאַרקויפֿן איינעם פֿון אַ פֿאַמיליע און האָט אײַנגעהאַלטן דעם אַדל דאָס זיי זאָלן ניט שאַלטן און וואַלטן איבער די פּויערן ווי זיי ווילן. זײַן זון אָבער **אַלעקסאַנדער דער צווייטער**, אונדזער געליבטער קייסער און אַליין־הערשער וואָס רעגירט יעצט אין אונדזער לאַנד, ירום הודו ותנשׂא מלכותו, האָט געטאָן אין דיזער זאַכע פֿיל מער אַלס די פֿאָריקע, דען ער האָט באַפֿרײַט אַלע פּויערן בדרך־כּלל און

האָט אָפּגעווישט דיזן שמאַך פֿון זײַנע אונטערטאַנען. ער וואַר צוואַר אין דיזער זאַך אין אייראָפּע דער גרעסטער. דען ער האָט מיט זײַנעם איידעלן ווילן באַפֿרײַט אויף איין מאָל מער אַלס פֿינף און צוואַנציק מיליאָן לײַב־אייגענע וואָס האָבן געשמאַכטעט פֿון אומדענקלעכן צײַטן אין דעם טיפֿסטן שקלאַפֿנשטאַנד. נון קענען מיר אויף אים מיט רעכט זאָגן דעם מאמר פֿון אונדזערע חכמים (אין מיצווה נקראת אלא על מי שגומרה) דאָס יעדע גוטע זאַכע ווערט נאָר אָנגערופֿן אויף דעם נאָמען פֿון יענעם וואָס גענדעט איר. אָבער ניט אויף דעם נאָמען וואָס הייבט איר אָן. נאָר האָט נאָך קיין מענטש לבֿד זײַן מאַיעסטעט זוכה געווען צו טאָן אַזוי אַ דבֿר־צדקה וואָס וועט אים בלײַבן צום אייביקן אָנדענקען לדור־דורים. זי וועט איבערלעבן אַלע מאַרמאָרנע מאָנומענטן, אַלע פּאָמיאַטניקעס. דען אַלץ ווערט מיט דער צײַט שטויב. איינע וווילטאַט אָבער אַלטערט ניט. וואָס אַ יאָר נאָר שפּעטער ווערט זי באַרײַכערט מיט שענערע ערציילונגען. און איר טעטער (טוער) בלײַבט אַ הייליקער.

און גראַדע אין דער זעלביקער צײַט אַלס אונדזער קייסער האָט דיזע אומפֿאַרגעסלעכע וווילטאַט אויסגעפֿירט אין זײַנע גרויסע לענדער אויף דעם פֿרידלעכסטן און שטילסטן אופֿן, וואַר די זעלביקע וווילטאַט אויך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון נאָרד־אַמעריקע געשען, אָבער מיט וועלכן אונטערשייד. ערשטנס האָט דיזע באַפֿרײַונג דאָרט באַרירט נאָר פֿינף מיליאָן שקלאַפֿן. צווייטנס האָט זיי נאָך דיזע באַפֿרײַונג דאָרט נאָך ניט גליקלעך געמאַכט. דען פֿאַר דער האַנט האָבן זיי זיך ניט וווּ אַהינצוטאָן און פֿון וואַנען צו לעבן. דער גרעסטער טייל פֿון זיי פֿאַרהונגערן אין די גאַסן. ניט אַזוי אָבער איז דער פֿאַל מיט די באַפֿרײַונג פֿון אונדזערע פּויערן. דען אונדזער גנעדיקער מאָנאַרך האָט זיי פֿאַרזאָרגט מיט שטיקער לאַנד, מיט ווינונגען און זײַנען העכסט צופֿרידן און גליקלעך מיט זייער שטאַנד. דריטנס האָט די אַמעריקאַנישע באַפֿרײַונג געמאַכט צוויי מאָל אַזוי פֿיל אומגליקלעכע אַלס וויפֿל זי האָט געמיינט צו מאַכן גליקלעכע. דען דאָס איז געשען דורך אַ מלחמה־כּבֿדה וואָס וואַר דעריבער צווישן די נאָרדלעכע שטאַטן (לענדער) און צווישן די זידלעכע שטאַטן. עס זײַנען אומגעקומען פֿוןביידע צדדים פֿרײַע מענטשן אייראָפּעער, בערך פֿינף מיליאָן, און געקאָסט האָט דיזער קריג מער אַלס טויזנט מיליאָן טאָלער, און לבֿד די שׂרפֿות און אַנדערע היזקות וואָס וואַרן אין דיזעם קריג.

די שקלאַפֿן וואָס וואַרן דאָרט וואַרן נאָר נעגער אָדער מורינעס. זיי פֿלעגן אַהינגעבראַכט ווערן פֿון די אַפֿריקאַנישע לענדער. זיי זײַנען אַ שטאַרקע קלאַסע מענטשן, הויך געוואַקסן, מיט שוואַרצע קורצע געקרײַזלטע האָר, גראָבע ליפּן. דער גרעסטער טייל פֿון זיי זײַנען געצן־דינער, און זײַנען שוין פֿון אומדענקלעכע צײַטן געברויכט געוואָרן אין גאַנץ אַזיען פֿאַר שקלאַפֿן. זיי ווערן דאָרט אין טומבוקט און נאָך אין אַנדערע שטעט פֿאַרקויפֿט אויף די מערק סטאַדעסווײַז. זיי ווערן פֿאַרקויפֿט פֿון זייערע פֿירשטן ווי אַ מאָל דאָ די פּויערן. אַ מאָל אַלס שטראָפֿן פֿאַר קליינע זינדע, און אַ מאָל אַלס קריגס־געפֿאַנגענע (פּלענע), און אַ מאָל פֿאַר שולדן (חובֿות).

דאָך אָבער זינט מען האָט געפֿונען אַמעריקע האָט זיך דער שקלאַפֿן־האַנדל צענפֿאַך פֿאַרגרעסערט. די אורזאַכע דערפֿון וואַר נאָר די גרויזאַמקייט (אַכזריות) פֿון די שפּאַניער וואָס וואַרן די ערשטע רעגירער איבער אַמעריקע. אַלס זיי זײַנען אַהין אָנגעקומען האָבן זיי דאָרט דערווישט בערך צען מיליאָן מענטשן, די אײַנגעבאָרענע אַמעריקאַנער וואָס וואַרן פֿון רויטער פֿאַרבע און זייער שוואַך, דערצו נאָך אויך זייער פֿויל. נון האָבן זיי די שפּאַניער זייער לײַכט אײַנגענומען און האָבן זיי געמאַכט אַלעמען פֿאַר שקלאַפֿן, האָבן זיי צווישן זיך צעטיילט ווי שאָף און האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט זיי אין די גאָלדמינען און אין די

זילבער־מינען (דאָס הייסט אין די אַרודניקעס) וואָס וואַר דאָרט דאַן לרובֿ. און נאָך מער האָבן זיי אָנגעהויבן צו מאַטערן זיי ביַי דער פּערל־פֿישעריַי (פּערלפֿאַנג) און דאָס איז צוגעגאַנגען מיט אַזוי אַ האַרטן דרוק דאָס אין אַ ציַיט פֿון פֿופֿצן יאָר איז פֿון דיזע קלאַסן מענטשן וואָס וואַרן זייערע צען מיליאָן געבליבן גאָר אַ מעט־מזער. דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָבן זיך אַליין איבערגעפֿירט פֿלעגן זיך פֿאַמיליענוויַיז אויפֿהענגען, דערטרינקען. דערצו נאָך איז עס געקומען צו גרויסע בלוט־פֿאַרגיסונגען איבער די רעליגיאָן־זאַכן. קורץ דערפֿון, עס איז געוואָרן אַמעריקע ליידיק און וויסט. דען עס זיַינען געבליבן ווי צו זאָגן הערן אָן קנעכט, און האָבן זיך אַזוי געפֿונען געצווּונגען צו ברענגען שקלאַפֿן פֿון אַפֿריקע. און פֿון יענער ציַיט אָן האָבן זיך די מענטשנמערק דאָרט אין אַפֿריקע אָנגעהויבן צו פֿאַרגרעסערן פֿון טאָג צו טאָג. די דאָרטיקע קליינע פֿירשטן האָבן אָנגעהויבן צו פֿירן צווישן זיך קריג פֿיל אָפֿטער אַלס פֿריִער אום צו באַקומען איינער פֿון דעם אַנדערן מער געפֿאַנגענע אום צו פֿאַרקויפֿן זיי פֿאַר שקלאַפֿן.

נון האָבן זיך שוין געפֿונען זייער פֿיל שקלאַפֿן־הענדלער, על־פּי־רובֿ אייראָפּעִישע ליַיטע, וואָס פֿלעגן אומצוריַיזן אין די אַפֿריקאַנישע לענדער אום עס איַינצוקויפֿן ביַי די דאָרטיקע פֿירשטן. און פֿלעגן עס איַינצוהאַנדלען פֿאַר אַ שפּאָטגעלט, בערך דריַיסיק טאָלער פֿאַר דעם בעסטן שקלאַפֿן, און אַ מאָל נאָך פֿאַר אַ פּאָר געלבע שפּאַנישע שטיוול אָדער פֿאַר אַ בוטילקע אַרעק, און אַזוי פֿאַר נאָך קלייניקייטן. ביַי די קליינע גוטס־באַזיצער פֿלעגן זיי סאַכערן מיט זיי אויף פּאַטשערקעס, אויף שפּיגעלעך, מעסערלעך, און דאָס גליַיכן. עס פֿלעגט דערפֿאַר פֿאַרקויפֿט ווערן אַ ווירט פֿון זיַין הויז, אַ פֿאָטער פֿון זיַין פֿאַמיליע, אַ מוטער פֿון קינדער, קינדער פֿון עלטערן. מען האָט ניט געקוקט אויף טרערן. מען האָט ניט געהערט קיין ווינען. דען מען האָט זיי באַטראַכטעט נאָר פֿאַר בהמות. און באמת האָבן די נעגער אַ גרעסערן בונד צו זייערע פֿאַמיליען אַלס מיר אייראָפּעער.

און ווי דער איַינקויף וואַר זייער ביליק און ליַיכט, אַזוי וואַר דער טראַנספּאָרט זייער שווער און פֿאַרבונדן אָפֿט מיט געפֿאַר (סכּנה) און מיט גרויס שאָדן. דען די שקלאַפֿן וואָס פֿלעגן איַינגעהאַנדלט צו ווערן טיף אין אַפֿריקע האָבן געמוזט געפֿירט ווערן מיט גרויס שמירה דאַמיט זיי זאָלן ניט צעלויפֿן, אָדער זיי זאָלן אירע הענדלער ניט טייטן. מען פֿלעגט אָנצוטאָן יעדן שקלאַפֿע אַ לאַנגע קלאָץ אויף דעם האַלדז, וואָס צום קאָפּ צו איזט ער ברייט, און ביַי דעם ענדע איזט ער שמעלער. און עס איז אין אים אַ פֿלעקל אַריַינגעשלאָגן מיט וואָס מען פֿאַרטשפּעט אים אָן דעם נאַקן פֿון דעם אַנדערן. און אַזוי האָט געהאַט דער אַנדערער אויך אַזוי אַ קלאָץ אויף זיך וואָס וואַר פֿאַרטשפּעט אויף דעם דריטן. און אַזוי זיַינען זיך געגאַנגען גאַנצע שערענגעס פֿון צוואַנציק־דריַיסיק מאַן. אויף די קלעצער פֿלעגט צו הענגען זייערע לאָגלען וואַסער און זייערע זעקלעך רייַז צום קאָכן. און אַלס מען איז געקומען אויף דעם אָרט ווּו מען דאַרף רוען האָט מען זיי אָפּגעטשפּעט איינעם פֿון דעם אַנדערן און מען האָט זיי געלאָזט גיך לייגן אויף דער ערד וואָס קיינער האָט פֿון איר שוין ניט געקאָנט אויפֿשטיין ביז די מענטשן פֿון דעם שקלאַפֿן־הענדלער האָבן אים דערצו געהאָלפֿן, וויַיל די קלאָץ האָט אים געוואָרגן אַראָפּ. אַלס מען פֿלעגט צוקומען מיט זיי ניט וויַיט פֿון אַ דאָרף פֿלעגן זיי מוזן זינגען, זיך פֿריילעך מאַכן. און די מענטשן פֿון דעם שקלאַפֿן־הענדלער פֿלעגן זיי צוצוהאַלטן מיט פּיַיקלעך און מיט פֿיאָלן. אַזוי אַ ריַיזע פֿלעגט אָפֿט געדויערן ביז מען פֿלעגט קומען צום ברעג ים דריַי פֿיר וואָכן און אָפֿט מער. ביַי יעדעם דאָרף פֿלעגט זיך דער פּעקל סחורה פֿאַרמערן. דאָס האָט פֿאַרקויפֿט אַ צען־צוועלף דער גוטס־באַזיצער, און דאָס האָט פֿאַרקויפֿט יעדער ווירט באַזונדער עפּעס אַן איבעריקן מענטשן וואָס ער האָט ביַי זיך אין שטוב, פֿאַר אַ ביסל ווירטשאַפֿט. למשל פֿאַר אַ פּאָר בוטילקעס פֿראַנצייזישע שנאַפּס, פֿאַר אַ רויטע קאַמעזעלקע. פֿאַר אַ

שנור רויטע קרעלן האָט מען געקענט אַ האַלבן דאָרף אויסראַמען. און דאָך פֿלעגט מען נאָר קוים אַ צענטל פֿון דיזע לעבעדיקע סחורה אײַנפּאַקן אין שיף. דען עס פֿלעגן זייער פֿיל אויסשטאַרבן אויף דיזע שווערע רײַזע, פֿון די גרויסע לאַסטן וואָס זיי פֿלעגן מוזן אויף זיך טראָגן, פֿון די גרויסע היצן, און פֿון גרויס קומער. דען זיי פֿלעגן שרעקלעך צו בענקען אַהיים. און דאָך וואַר נאָך דיזע רײַזע צו לאַנד אַלס ווי אַ שפּאַצירגאַנג אויף געבלומטע פֿעלדער אַנטקעגן די רײַזע וואָס זיי האָבן דערנאָך געמוזט מאַכן אויף די שיפֿן צו וואַסער ביז אַמעריקע.

דען זיי פֿלעגן צו ווערן אײַנגעפּאַקט דאָרט אין די אונטערשטע קאַיוטן ווי גענדז אין אַ שטײַג, מענער, ווײַבער און קינדער צוזאַמען. עס וואַר דאָרט אַזוי ענג, שמוציק, און דעמפּיק דאָס דער דאָקטער, וואָס פֿלעגט אַרײַנצוגיין אַהין אַלע טאָג פֿון די פֿרימאָרגנס אום צו רעווידירן זיי, פֿלעגט זיך קוים אַרויסכאַפּן. דען עס פֿלעגט אים פֿאַרנעמען דער אָטעם פֿון געשטאַנק, ווײַל זיי פֿלעגן אונטער זיך זייער באַדערפֿעניש פֿאַרריכטן. און מער ווי צען מינוטן האָט מען זיי ניט געהאַלטן אויף דעם פֿאָרדעק (אויף דעם דעק פֿון שיף), און דאָס נאָר עטלעכע בײַזאַמען אום פֿרישע לופֿט צו שעפּן און אום אָפּצוגיסן זיי מיט קאַלטע וואַסער.

שלימער האָט שוין ניט געקענט אויסזען דאָרט אין דער העלע (גיהנום) אַלס ווי דאָרט אונטן. עס וואַר טונקל דעמפּיק. און אַ יאָמערן און אַ וויינען האָט פֿאַרהילכט די אויערן. דען עס וואַרן אונטער זיי פֿיל קראַנקע, גוססע. אַלע טעג פֿלעגט מען אויסקלײַבן פֿון זיי עטלעכע טויטע וואָס מען פֿלעגט זיי אַרײַנוואַרפֿן אין מער ווי שטיינער, אָן אַ שום פּאַראַדע אָדער צערעמאָניע, און וואָס וואַרן באַלד פֿאַרשלונגען פֿון די הײַפֿישן וואָס פֿלעגן נאָכצושווימען נאָך אַזעלכע שקלאַפֿנשיפֿן אימער אום צו פֿאַרשלינגען די טויטע קערפּער זייערע. מער פֿאַר אַלץ פֿלעגט זיי צו שאַטן די אַנגסט דאָס מען פֿירט זיי קיין אַמעריקע אום נאָר צו פֿאַרברענען זיי דאָרטן אום צו דיסטילירן מיט זייער אַש דעם צוקער. און ווען דער שקלאַפֿן־הענדלער האָט געבראַכט קיין אַמעריקע צען פּראָצענט געזונטע וואַר עס שוין אַ גליקלעכע נסיעה.

קומענדיק שוין אַהין פֿלעגט דער שקלאַפֿן־הענדלער מאַכן אַ גרויסן באַלאַגאַן אין וועלכן ער פֿלעגט אַרײַנצונעמען די שקלאַפֿן. פֿלעגט זיי אַרומוואַשן און אָנטאָן אין קורצע הויזן, די פֿרויען אין קורצע קליידלעך. און מען האָט אָנגעהויבן דאָרטן אַן עטוואָס צוצוזען. און דאָס האָט געדויערט אייניקע טעג ביז עס זײַנען צוזאַמענגעקומען סוחרים אָדער פּאַקופּאַטעלעס. און דאַן פֿלעגט זיך אָנהייבן די שרעקלעכע סצענע פֿון דער שיידונג. דען מאַנכער גוטס־באַזיצער אָדער פֿלאַנצער פֿלעגט מער ניט קויפֿן ווי אַ מוטער און דאָס קינד ניט. און מאַנכער פֿלעגט נאָר צו קויפֿן אַ קינד און אַ מוטער ניט. נון וואַר דאָרט געוויין איבער געוויין, געיאָמער איבער געיאָמער גאָר אָן אַ שיעור. עס וואַר דאַן אַן אייביקער זעגענען זיך. דען יעדער פֿון זיי האָט שוין געוווּסט אויף קלאָר דאָס ער וועט דאָ ניט פֿיל מיסט אָנמאַכן, דאָס זײַנע טעג זײַנען געציילט, און פֿלעגן צו שילטן דעם טאָג וואָס [זיי] זײַנען געבאָרן געוואָרן. אונטער דיזע שקלאַפֿן פֿלעגן זיך אָפּט געפֿינען קינדער פֿון מאָרישע פֿירשטן, מענער פֿון גרויסן פֿאַרשטאַנד, וואָס האָבן דערנאָך געשפּילט גרויסע ראָלן אין דעם שקלאַפֿן־אויפֿשטאַנד (מרידה) וואָס וואַר אין סאַנקט־דאָמינגע, ווי דער וועלט באַרימטער נעגער גוסטאַוווּס וואַזע וואָס וואַר דאָרט אין ענין פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר זעקס זילבער־גראָשן. נון פֿאַרשטייט זיך שוין פֿון זעלבסט ווי שמערצלעך עס וואַר אַזעלכע גײַסטער (גרויסע מענטשן אָדער חכמים) צו טראָגן אויף זיך יאָרן לאַנג דעם שווערן יאָך פֿון דער שקלאַפֿערײַ, און ווי גרויס עס וואַר זייער בענקען אַהיים.

און דאָרט אין אַמעריקע פֿלעגן מיט זיי זייערע הערן אַרבעטן ווי מיט פֿערד, און שלאָגן זיי גאָר אָן ערבאַרעמען. מען פֿלעגט אויסצוזוכן בילבולים אום נאָר צו באַשטראָפֿן זיי זייער האַרט, דאַמיט זיי זאָלן זײַן בײַ זיך אימער געבייגט און אַראָפּגעפֿאַלן, דאָס דער געדאַנקען פֿון פֿרײַהייט זאָל זיי קיין מאָל אויף געדאַנקען ניט אַרויפֿקומען, און זאָלן ניט מורד זײַן. און דאַהער וואָס אַ הער האָט זײַנע שקלאַפֿן אַלץ מער באַדריקט וואַר ער אַלץ מער גערימט בײַ דער דאָרטיקן רעגירונג.

אַ געוויסער פֿלאַנצער (גוטס־באַזיצער) פֿלעגט אָפֿט אײַנשפּאַנען אַכט אָדער צען נעגער אין זײַן פֿאַיעטאָן און פֿלעגט מיט זיי צו פֿאָרן אין די גרעסטע היצן איבער טיפֿע זעמד, און פֿלעגט איבער זיי צו פֿלאַסקען מיט אַ לאַנגן בײַטש ביז דאָס בלוט און שווייס האָט גערונען איבער זייערע רוקנס. און קומענדיק אַהיים האָט ער געלאָזן זייערע ווּנדן אויסוואַשן מיט עסיק און זאַלץ, דאָס די בראַנד זאָל ניט צופֿאַלן.

מאַנכע הערן וואָס האָבן געהאַט שיינע שקלאַפֿינען פֿלעגן זיי [צו] טרײַבן דאָס זיי זאָלן גיין פֿאַרדינען אין לוסטהײַזער שאַנדנגעלט. די קליינע קינדער פֿלעגן זיי צו טרײַבן אין די פֿעלדער דאָס זיי זאָלן פֿאַנגען די קליינע פֿייגעלעך וואָס מען רופֿט קאַליברעס, וואָס די פֿאָרנעמע דאַמען פּוצן זיך אויס מיט זייערע גאָלדענע פֿעדערן. אין די פֿאָריקע צײַטן האָבן די פֿלאַנצער גוטס־באַזיצער געהאַט דאָס רעכט אַזוי גאָר צו טייטן זייערע שקלאַפֿן. און ווען אַ פֿלאַנצער (פּאָמיעשטשיק) האָט זײַנעם אַ שקלאַפֿן אויפֿגעהאַנגען ווײַל ער האָט אין אים דערשפּירט אַ דוך פֿון עמפּערונג (מרידה) האָט אים די דאָרטיקע רעגירונג דערפֿאַר זייער געדאַנקט און האָט אים אויך זייער גוט באַלוינט. דען לבֿד וואָס זי האָט אים באַצאָלט פֿאַר דעם שקלאַפֿן, וואָס ער האָט אים געקאָסט; האָט זי אים נאָך באַפֿרײַט אַ גאַנצן מאָנאַט פֿון אָפּגאַבן. און דאַהער פֿלעגן מאַנכע פֿלאַנצער אויפֿהענגען בײַ זיך זייערע שקלאַפֿן וואָס זײַנען געוואָרן קאַליקעס, וואָס זיי האָבן שוין ניט געטויגט צו דער אַרבעט און פֿלעגן דערפֿאַר באַלוינט ווערן פֿון דער דאָרטיקע רעגירונג. און מאַנכע פֿלעגן צו קויפֿן גאָר אומישנע קאַליקעס אָדער אַלטע פֿאַר אַ שפּאָטגעלט און דער שקלאַפֿן־הענדלער פֿלעגט זיי אַרויסגעבן אַ שריפֿט דאָס ער איז באַצאָלט געוואָרן פֿאַר זיי זייער טײַער, אום זיי זאָלן האָבן וואָס אויפֿצוהענגען און באַלוינט ווערן דערפֿאַר. עס האָט אָבער דיזע געזעצע אויפֿגעהערט נאָר ווײַל מען איז געוואָר געוואָרן פֿון דיזעם באַטרוג.

אונטער די אַמעריקאַנישע שקלאַפֿן וואַרן זייער פֿיל פֿאַרשיידענע קלאַסן. איינע קלאַסע וואַר עכטע אַפֿריקאַנער, שוואַרצע ווי פּעך מיט קורצע געגרײַזלטע האָר. די צווייטע קלאַסע וואַר די מולאַטן. דאָס הייסט אַזעלכע וואָס וואַרן געבאָרן פֿון אַ שוואַרצע מוטער און פֿון אַ ווײַסן פֿאָטער. דיזע וואַרן שוין נאָר מער ניט ווי רעכט טונקל און האָבן געהאַט אַ שענערעס געזיכט. די דריטע קלאַסע וואַרן די מעסטיצן. דאָס זײַנען אַזעלכע וואָס וואַרן געבאָרן פֿון איינער ווײַסן מוטער און פֿון אַן אינדיאַנישן פֿאָטער. דאָס הייסט וואָס ער איז פֿון די אַלטע אַמעריקאַנער וואָס מען האָט זיי דאָרט דערווישט בשעת מען האָט אַמעריקע געפֿונען. דיזע וואַרן נאָך העלער. און אַזוי וואַרן דאָרט נאָך זייער פֿיל פֿאַרמישונגען, למשל די קינדער וואָס קומען אַרויס פֿון אַ מולאַט וואָס האָט געלעבט מיט איינער מעסטיצן.

אויך די פֿרײַע מענטשן וואָס זײַנען דאָרט ווערן אײַנגעטיילט אין צוויי קלאַסן. איינע קלאַסע איז יענע וואָס וואַנדערן אַהין אַרײַן פֿון אייראָפּע, וואָס זײַנען אַזוי ווײַס ווי מיר און בלײַבן אַזוי ווײַס ביז זייער טויט. די אַנדערע קלאַסע זײַנען די קרעאָלן. דאָס הייסט די קינדער וואָס ווערן שוין דאָרט געבאָרן פֿון ווײַסע

עלטערן. דיזע פֿאַרלירן שוין זייער פֿיל פֿון זייער ווײַסקייט. דען זיי זעען אויס ווי פֿאַרברוינט. דאָך זײַנען זיי זייער שיין, און ווערן זייער גיך צײַטיק – אַ קינד פֿון אַ יאָר צען האָט דאָרט אַזוי פֿיל פֿאַרשטאַנד ווי בײַ אַ גרויסער מענטש – און ווערן אָבער דערפֿאַר אויך גיך אַלט. און דיזע קלאַסע מענטשן זײַנען דאָרט די הערשנדע, די פּלאַנצער, און די גרויסע הערן.

נון בלײַבט מיר נאָך איבעריק צו דערציילן דיר אַן עטוואָס, מײַנע טײַערע לעזערין, פֿון די שווערע אַרבעט וואָס די שקלאַפֿן האָבן דאָרט געאַרבעט און פֿון זייערע מרידות וואָס זיי פֿלעגן דאָרט אָפֿט צו מאַכן. די שווערסטע אַרבעט וואַר זייערע אין די צוקער־פֿאַבריקן. מער ווי צען יאָר האָט דער שטאַרקסטער שקלאַפֿע ניט געקענט אויסדויערן. דערנאָך פֿלעגט ער ווערן שוואַך און קראַנק. על־פּי־רובֿ פֿלעגט ער זיך שוין פֿריִער אויסדינען. דען מען ווערט זייער לײַכט דאָרט אַ קאַליקע אין די צוקערמילן. עס רײַסט אָפּ אַ האַנט, אַ פֿוס, און אַ מאָל דרייט זיך אײַן די האָר אין דער מאַשינע, דרייט עס אַרונטער דעם קאָפּ. אויך דער באַוול־פֿליקן און רייניקן איז זייער שווער און זייער סקוטשנע, דאָס די שקלאַפֿן פֿאַלן אַרײַן דורך דעם אין אַ פֿינצטערע מרה־שחורה, דאָס זיי הערן אויף צו עסן, צו טרינקען, הערן אויף צו גיין צו דער אַרבעט. עס העלפֿט קיין געבעט, קיינע שלעג. בלײַבן זיצן אויף די ערטער ביז זיי פֿאַרגייען אָדער צעהענגען זיך. און דאַן בלײַבט זייער הער אַן אבֿיון.

אויך זייער עסן איז זייער שלעכט געווען דאָרט. דען דער הער פֿלעגט זיי גאָר ניט צו געבן לבֿד צו שטיקלעך ערד וואָס די שקלאַפֿן פֿלעגן עס פֿאַרזייען אין זייערע ליידיקע שטונדן. דאָס הייסט בײַ נאַכט אַלס זיי פֿלעגן צו קומען פֿון דער אַרבעט, אָדער אין די זונטיק־טעג. און בײַ די ייִדישע פּלאַנצער אין די שבתים־טעג אויך. זיי פֿלעגן דערצו האָבן זייער ווייניק. קוים אום דאָס לעבן צו דערהאַלטן, און דאָס גלײַכן פֿלעגן זיי זיך קליידן נאָר מיט גראָבע לײַוונט וואָס זיי פֿלעגן עס צו מאַכן פֿון דינעם באַסט (ליקע).

בײַ מאַנכע הערן אָבער פֿלעגן זיי צו האָבן פֿיל בעסער, און וואַרן דאַהער אים זייער טרײַ און פֿלײַסיק אין דער אַרבעט. בײַ מאַנכע הערן אָבער וואַרן זיי אַזוי שלים באַהאַנדלט, דאָס זיי פֿלעגן זיך זעלבסט ערמאָרדן,[40] אַנטלויפֿן, אָדער גאָר מאַכן אַ מרידה.

קיין אומגליק אין דער וועלט גלײַכט זיך צו דעם אומגליק פֿון איינער שקלאַפֿן־מרידה. דען זיי זײַנען גרויסע בעלי־סודות און גיבן איינער דעם אַנדערן ניט אויס. און אַזוי האָבן זיי אַ מאָל געהאַלטן גאַנצע צען יאָר אינס געהיים איינע פֿאַרשווערונג (בונט) קעגן זייערן אַ הערן. און מען איז ניט געוואָר געוואָרן דערפֿון ביז די לעצטע מינוט. און דאַן ווי דעם הערן וואָס זײַנע שקלאַפֿן שטייען אַנטקעגן אים אויף! זיי טייטן אים מיט זײַנער גאַנצע פֿאַמיליע מיט דער גרעסטע אַכזריות אין דער וועלט. זיי פֿאַרברענען זײַנע מאַגאַזינען און מאָרדן אויס אַלעס וואָס לעבט נאָר חוץ זיי דאָרט אין דער פּלאַנטאַזע. מען לאָזט ניט אַ ציגל אויף אַ ציגל, קיין גאַנצן שטיין און קיין בוים. זיי פֿאַרוויסטן און טיליקן אַלץ אויס. און דערנאָך אַנטלויפֿן זיי אין די טיפֿע וועלדער אָדער אין די ווײַטע געבערגע וואָס דאָרט זײַנען דאָ שוין זייערע באַנדן (שײַקעס) וואָס מען רופֿט זיי בושמענער. דיזע באַנדן וואַרן באַוואָפֿנט און פֿלעגן איבערצופֿאַלן איבער די פּלאַנצער מיט גרויס צאָרן

[40] די נעגער באַזיצן די קונץ צו דערווערגן זיך מיט זייערע אייגענע צינגער. זיי שלוקן עס אַרונטער מיט אַ גרויס האַסט און די צונגע בלײַבט שטעקן אין האַלדז ווי אַ ביסן. זיי פֿלעגן עס צו טאָן על־פּי־רובֿ בשעת מען פֿלעגט זיי זייער שטאַרק נאַקאַזעווען. איינער וואָס מען האָט אים זייער שטאַרק געמאַטערט דאָס ער זאָל וואָס אויסזאָגן האָט ער פֿון גרויס כּעס אָפּגעביסן זיך די צונגע און האָט איר זײַנעם הערן אַרײַנגעשפּיגן אינעם געזיכט.

און פֿלעגן דאָרט מחריבֿ־עולמות זײַן. די שרעקלעכסטע מרידה פֿון די שקלאַפֿן וואַר אין סאַנקט־דאָמינגע וואָס מען רופֿט עס אויך הײַטע. מיר וועלן דערפֿון שפּעטער שרײַבן באַריכות.

נון מײַנע טײַערע לעזערין, האָב איך דיר שוין גענוג באַקאַנט געמאַכט מיט אַלע ענינים וואָס עס איז דיר נייטיק צו וויסן צו אונדזער געשיכטע פֿון דעם פֿרומען און בראַוון שקלאַפֿן אָנקל טאָם, וואָס וואַר צוואַר קיין ייִד, קיין קריסט, און קיין געצן־דינער, נאָר אַ מאמין אין דעם בורא ברוך־הוא און אין דער ביבל, דאָס מען האָט אים געקענט רופֿן מיט רעכט גר־תּושבֿ.[41] ער וואַר פֿריִער דאָרט אין אַפֿריקע אַ היידע (אָן אַ גלויבן) און קומענדיק קיין אַמעריקע איז ער אָנגעקומען צו אַ ייִדישן פֿלאַנצער (פּאָמיעשטשיק) נון האָט ער געהאַט דאָרט איינע גוטע געלעגנהייט צו באַקאַנט זיך צו מאַכן מיט דעם איינציקן גאָט און מיט זײַנע הייליקע ביכער. עס איז פֿון דיזער געשיכטע צו לערנען זייער פֿיל מוסר, גאָטספֿאָרכט, און ווי מען מוז האָבן די גרעסטע געדולד אין אַלע נויטן. און ווידער אום צו זען ווי ווײַט מען דאַרף דאַנקען גאָט און בענטשן אונדזער קייסער, ירום הודו ותנשׂא מלכותו, דאָס ער האָט דעם שקלאַפֿנשטאַנד אויסגעקאַסירט פֿון אונדזערע לענדער און שוין כּמעט פֿון דער גאַנצער וועלט. דען אונדזער קייסער באַפֿרײַט די שקלאַפֿן דאָרט אין אַזיען אויך, אין די נײַע לענדער וועלכע גאָט האָט זיי באַגליקט צו שטיין אונטער זײַנע מענטשנפֿרײַנדלעכע רעגירונג.

פֿון א. מ. ד.

---

[41] גר־תּושבֿ הייסט בײַ אונדז ייִדן ווען אַ היידע, דאָס הייסט אַ מענטש אָן אַ גלויבן, הייבט אָן צו גלויבן אין דעם איינציקן גאָט, און איז מודה דאָס גאָט האָט ייִדן געגעבן אַ תּורה. נאָר ער אַליין האַלט נאָר די שבֿע־מיצוות אַליין וואָס גאָט האָט דעם נח געבאָטן און איז זיך אַזוי גאָר מל, עסט זיך נבֿלות וטרפֿות, חזיר. אַזוי אַ מענטש האָט בײַ אונדז ייִדן אין אונדזער לאַנד געהאַט גלײַכע בירגעררעכט ווי אַן עכטער ייִד.